Radomer-Kielcer Leben № 44 (284) „Nal. poczt. uiszczono ryczałtem" [illegible] 10 זייטן VI-טער יאהרגאנג

Radom Piątek 15 Listopada 1929

ראדאם, פרייטאג י"ב מרחשון תר"ץ

פרייז 25 גראשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען פרייזן
איין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "
די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 קרעלטען
" אין טעקסט 4

# ראדאמער-קעלצער לעבען

UDZIAŁOWA
Spółdzielnia Kredytowa
w RADOMIU, LUBELSKA № 11
w Podwórzu (Sklep [illegible]towy).

מאכט בעקאנט, אז עס ווערט אנגענומען **איינקאסעס**
אויף מינימאלע פרייזען
אויף אלע שטעדט פון פוילען.
מ'גיט ארויס אוואנסען אויף בעקוועמע בעדינגונגען,
פראכטען, דיסקאנטעס און הלוואות.
אלע איינקאסעס ווערען אויסגעצאהלט דעם זעלבען טאג פון איינפליסען.

BUCHALTER
BILANSISTA,
pierwszorzędne referencje, wieloletnia praktyka
**poszukuje posadę**
ew. godziny, prace bilansowe.
Oferty do Redakcji Sub „Buchalter".

אין דעם ניי-געעפענטען רענטגענאלאגישן קאבינעט
פון ד"ר מעד. ס. קארמאן
ראדאם, לובעלסקא 25
ווערען טעגליך געמאכט פון 9 ביז 11 און פון 5 ביז 7
אינערליכע פאטאגראפישע אויפנאהמען
און דורכלייכטונגען.

Dr. med.
I. KLEINBERGER
spec. chorób uszu, nosa i gardła
**przeprowadził się**
**na ul. Długą Nr. 26, Telef. 107.**

Wyrazy głębokiego współczucia koledze
IZAKOWI FURMANOWI
z powodu przedwczesnej śmierci nieodżałowanego brata
NYSONA
*Matylda, Andzia, Bela, Artur, Dawid,*
*Jakób, Rubin, Heniek, Chazkiel.*


לך לך
(זעט רש"י) לטובתך ולהנאתך
פאטער!
האסט זיך א מאהל ערנסט בעטראכט איבער א תכלית פאר דיין זוהן? נישט אבריישענדיג איהם פון דער לעהרע, לענקענדיג זיין אויפמערקזאמקייט אויף דעם אנשטענדיגסטען אופן פון פרייער צייט-פערטרייב דורך ענטוויקלען זיין פיין-געפיהל פאר קונסט—האסטו די מעגליכקייט גלייכצייטיג איהם צו לערנען א פראפעסיע, וועלכע גיעט פרנסה בשפע אויף דער גאנצער וועלט.
אויסלערנען זיך פאטאגראפירען שטעלט מיט זיך נישט פאר קיין שום שוועריגקייטען בפרט ווען איין
פאטא-אפאראט בעקומט מען פון 30 זל. אן
די בעסטע פאכמענישע אנווייזונגען צו יעדער צייט. פראספעקטען בחנם ביי
A. FINKELSTEIN przybory fotograficzne :—: i dentystyczne :—:
RADOM Lubelska 11 (mieszkanie Lubelska 14).

WARSZAWSKA PRACOWNIA
GORSETÓW
**Pasów Higienicznych** męskich i damskich
אויף פערשידענע קראנקהייטען, אויף לעבער, נירען און ארגאנגעלאזענע נירען, קאטאר-קישעק, פוטעביקלינעס, שליעפע-קישעק און אנ'אויסוואהל פון פערשידענע גומענע זאקען.
oraz BIUSTHALTERÓW
najnowszych fasonów
pod firmą „RÓŻA"
w KIELCACH
Rynek Nr. 9.

# בעריכט פון דער ראדאמער הילפס-אקציע פאר די געליטענע אין א״י

(סוף)

א) דורך ישעי׳ אייגער:

| | |
|---|---|
| י. אייגער | 5— זל. |
| ה. רוטמאן | 5— |
| ה. ווארם | 3— |
| בס״ה | 13— |

י״ב) געזאמעלט דורך י. פאטאשניק:

| | |
|---|---|
| י. פאטאשניק | 10— |
| י. א. בערקאוויץ | 5— |
| י. לאסטמאן (לעמב) | 3— |
| י. זאלצמאן | 3— |
| מ. פאטראן | 3— |
| מ. פאמעראנץ | 2— |
| בס״ה | 26— |

י״ג) דורך קאנאר און פעל:

| | |
|---|---|
| ס. טייטעלבוים | 1— |
| ווײַנשטאק מ. | 2— |
| בס״ה | 3— |

י״ד) טייכמאן און קורץ:

| | |
|---|---|
| אנאנים | 2— |
| בס״ה | 2— |

ט״ו) דורך ח. בערענשטיין און ז. שפייזמאן:

| | |
|---|---|
| איידעלבוים ש. | 10— |
| ש. פרידמאן | 10— |
| מ. ראזענצווייג | 5— |
| ל. ווייצהענדלער | 5— |
| דענט. טאטאר | 5— |
| פאטערמאן י. | 5— |
| מ. צוקער | 5— |
| ה. א. לינדזן | 5— |
| ש. פישמאן | 5— |
| ר. אשפיז | 3— |
| ש. פערנערוף | 3— |
| ע. ה. גוטמאן | 3— |
| י. פאבער | 3— |
| מ. ל. מילמאן | 2— |
| ח. גערנבערג | 2— |
| מ. לאנדאן | 2— |
| זילבערשטיין ברוי | 2— |
| בס״ה | 75— |

ט״ז) געזאמעלט דורך א. סאלבע און מ. באקמאן:

| | |
|---|---|
| שלמה מינצבערג | 150 — |
| א. און ד. קארמאן | 50— |
| בס״ה | 200— |

י״ז) דורך מ. באנקער:

| | |
|---|---|
| מ. ויידמאן | 15— |
| ח. מעלכיאר | 10— |
| י. פריירענרייך | 5— |
| א. זיירמאן | 5— |
| א. אבראמאוויץ | 5— |
| א. גראספעלד | 5— |
| ב. עהרליך | 5— |
| א. קאמיאנער | 5— |
| א. בינענטאל | 5— |
| ש. קאפלאן | 5— |
| צום טראנספ. | 65— |

| | |
|---|---|
| פון טראנספארט | 65— זל. |
| מ. קירשענבוים | 5 — |
| י. בארענשטיין | 5— |
| ל. שארפער | 5— |
| מ. קליימאן | 5— |
| מ. רעמבישעווסקי | 5— |
| ח. פרידמאן | 5— |
| ש. מניסמאן (ווארשא) | 5— |
| פ. זיסמאן | 5— |
| י. גאלדבראך | 5— |
| ה. לאנדוי | 5— |
| י. זילבערבערג | 5— |
| ל. זאלצבערג | 3— |
| א. ח. גלאט | 2,50 |
| זיידענבערג | 2— |
| ש. קליינבוים | 2— |
| י. האכגלויבער | 2— |
| ד. מאלצמאן | 2— |
| מ. אייזענבוים | 2— |
| ל. קאלמא | 2— |
| מ. ראזענקראנץ | 2— |
| פ. ווערבער | 1— |
| ל. לוקסענבורג | 1— |
| ח. ציגגיפער | 1— |
| ש. קאזשדאן | 1— |
| מ. ווייסמאן | 1— |
| ה. טאבאקמאן | 1— |
| ח. פשיטיצקא | 1— |
| מ. העלצמאן | 1— |
| א. קאזלאווסקי | 1— |
| ל. ראזענבלום | 1— |
| בס״ה | 149,50 |

י״ח) דורך יחיאל לעשץ:

| | |
|---|---|
| י. לעשץ | 10— |
| מ. טייכמאן | 10— |
| בס״ה | 20— |

י״ט) דורך צווייגענבערג און געליעבטער:

| | |
|---|---|
| ברידער קורץ | 20— |
| י. גוייסמאן | 5— |
| פ. ריכטמאן | 2— |
| מ. גאלדבערג | 1— |
| א. קירשענבוים | 1— |
| מיטעלשטעט | 1— |
| | 30— זל. |

צוזאמען האבען
19 פאר זאמלערס
אריינגעטראגען
5186,42 זל.

## 3. אימפרעזעס.

| | |
|---|---|
| א) בלימעל פערקויף פון 9\|18 | 707,71 |
| ב) בלימעל-פערקויף פון 10\|23 | 623 58 |
| ג) רעפעראט פון ד״ר גאטליעב | 334,20 |
| ד) בלימעל פערקויף אין „ראזמאיטאשצי ביי טורקאוו׳ן | 34,40 |
| ה) בלימעל-פערקויף אין דער שוהל בעת דער הזכרה | 68,40 |
| ו) אקאד-קרייז פון פאקמאנס-קאנצערט | 22,00 |
| ז) די מעטשען צווישען „בר-כוכבא״—„מכבי״ | 122,°0 |
| ח) די טרויער-אקאר. מיט׳ן אנטייל פון ד״ר הינדעס און ווירטואז ש. באקמאן | 929— |
| בס״ה | 2841,79 |

## 4. נדרים.

א) שבת פ׳ כי תצא:

| | |
|---|---|
| די גרויסע שוהל | 28— |
| אין בי״המד | 52— |
| „ בי״החז ד׳אסטראוו. | 16— |
| „ „ ד׳קאזיניץ | 69— |
| „ „אהבת רעים״ | 10— |
| „ בי״החס ד׳וואורקא | 21,50 |
| „ ציוניסטישען בי״התפ. | 6— |
| „ זיגמאנ׳ס „ | 13— |
| „ ציטרינס „ | 16— |
| „ דענ׳ס בי״המ | 29— |
| „ מאקסמאנ׳ס בי״התפ. | 11— |
| „ בי״החס ד׳אמשינאוו | 24— |
| „ זיגמאנ׳ס בי״התפ | 15— |

אין ראש השנה:

| | |
|---|---|
| 2) אין דער שוהל | 51— |
| „ ציונ. בי״התפ. | 6— |
| אין אלעקסאנדער שטיבעל | 1— |
| „ האנדווערקער בי״התפ | 12— |
| „ „אהבת רעים״ | 26,50 |
| „ די בתי תפלות | |
| פון ביאלסקי טייכמאן | |
| אין קאזשעניבער שטיבעל | 46— |
| „ וואורקער „ | 19,50 |
| „ זימאנ׳ס בי״התפ. | 9,50 |
| בס״ה | 482,00 |

## 5. צוריקבעקומענע הוצאות.

פערשידענע בס״ה 40—

די אלגעמיינע הכנסה
9856,06 זל.

(סוף פון בריף פון א״י.)

אריינגעטראגען די ענטשעדיגונגס-תביעה.

כ׳פערהאף, אז די זאך פיהרט זיך אין ארדנונג און ממילא איז מיין אנטייל שוין איבעריג.

נעמט אן געעהרטע הערן מיין אויסדרוק פון טיעפען מיטגעפיהל פאר אלע אי״-פריינד אין ראדאם און ספעציעל פאר דער שווער געטראפענער פאמיליע פון חיים בירענבוים ז״ל וואס איז געפאלען נאך א העלדישער פערטיידיגונג פון זיין פאזיציע.

מיט הויכאכטונג

(—) חיים קראנגאלד אדוואקאט

# בילאנס.

## הכנסה

| | |
|---|---|
| 1. דירעקט-איינגעפלאסענע נדבות | 1305,85 |
| 2. געזאמעלט | 5186,42 |
| 3. נדרים | 482— |
| 4. אימפרעזעס | 2841,79 |
| 5. צוריקבעקומענע הוצאות | 40— |
| בס״ה | 9856.06 |

## הוצאה

| | | |
|---|---|---|
| אדמיניסטראטיווע אויסגאבען | 265,95 | |
| 2. דרוקעס | 35— | |
| 3. שרייב-מאטריאל | 42,20 | |
| 4. אימפרעזע-אויסגאבן: טעאטר-זאלן, הוצאות פון פרעזענטען, דרוקעס א. א. | 948,73 | |
| 5. אינקאסא-פראוויזיע פון נדרים | 32,75 | 1324,63 |
| אויסגעצאהלט פרוי ה. בירענבוים דורך די ה״ה מגר׳ א. סאלבע י. צ. שטאטווינער | | 500— |
| אפגעשיקט אין צענטראלען הילפס-קאמ. | | 8000— |
| סאלדא אין דער קאסע | | 31,43 |
| ס״ה | | 9856 06 |

פרעזעס (—) איתמר אילער

סעקרעטאר: (—) י. צ. שטאטווינער.

(פראטאקאל פון דער רעוויז.-קאמיסיע זעה זייט 6)

## פערזענליכעס.

ווי מיר דערוויסען זיך, בעזעצט זיך אין ראדאם ד״ר יאקוב גאלדבלום.

ד״ר גאלדבלום האט ביז יעצט פראקטיקירט אין ווארשאויער יודישען שפיטאל אויף טשיסטא.

# ארבעטער-ווינקל

## פרעסע-רינג איף מעבעל און אנדערע אינערליכע איינריכטונג

ח׳ צימעראנט שמואל גיט 15 זל. און רופט ארויס ח״ח: חנינה קורץ—לובלינער 34, ווייצמאן אברהם—שולגאס 17, בראנרויין—סקארישעווסקא 24, שערמאן—סקארישעווסקא 24, שפייזמאן נפתלי—ווארשאווער 21, מעראליאן יעקב—קאושעניצער 4, בעקער—קילינסקי 11, ראטבלאט מענדעל—שעווצקא 7, שמעלמאן יעקב—רינעק 6, פריילעך יצחק—לובלינער 21, רובינשטיין לוי—אלטעשטאדט 16, דריינאדעל יחיאל—רוויינסקא 9, מילמאן מאיר—לובלינער 30, פערעל—לובלינער 25, וויאטראק לייב—קאושעניצער 4, אקערמאן זלמן—שפאציר-גאס 23, גאלדמינץ יוסף—זשיטניא 5, וואקסבערג איטשע—זשיטניא 5, סאנקעוויטש יהושע—רינעק 6, פרידמאן פישעל—לובלינער 84, יאסיל זעגמאן—קאשאראיע 4, ישראל ויידמאן—קילינסקי 5.

ה׳ ד״ר קעלערוואָרם ענטפערט דעם ה׳ פינקעלשטיין מיט 20 זלאטעס.

ח׳ פישמאן שלמה ענטפערט דעם ח׳ פייגענבוים מיט 5 זלאטעס.

ח׳ מאנרעלבוים חיים ענטפערט דעם דעם ח׳ פייגענבוים מיט 5 זלאטעס.

ח׳ קאנסטאבלער אהרן ענטפערט דעם ח׳ פייגענבוים מיט 5 זלאטעס און רופט ארויס ח״ה: קאמער ביניש—פאקסאלנא 9, פלאמענבוים אברהם—רווינסקא 23 און שניירערמאן בער (קאאפעראטיוו „איינגקייט״).

ח׳ קארמאן יעקב ענטפערט דעם ח׳ פינקעלשטיין מיט 5 זלאטעס און רופט ארויס דעם פראדוציר-קאאפעראטיוו „איינגקייט״ אלס גאנצען צו פארפילפאכען די סומע און ח׳טע בינה גאלדבערג בעזונדער, ח׳ אלער לעאן ליסטראטאר פון אלגעמיינעם ארבעטער קאאפעראטיוו—ווארשא, דלוגא 50, ח״ח: קאלטמאן יחזקאל—שעווצקא 9 און שניידער דוד סטאראקאווסקא 12.

ח׳ גיסער בצלאל ענטפערט דעם ח׳ פייגענבוים מיט 5 זלאטעס און רופט ארויס ח״ח: שטיינאוויטש איזאק—לובלינער 12 און צוקער הירש בער—אלטע-שטאדט.

ח׳ לינדענבוים נטע ענטפערט דעם ח׳ פייגענבוים מיט 10 זלאטעס און רופט ארויס ח״ח: ארבעטסמאן—וויסאקא 41 און וואלאנאווסקי—לובלינער 27.

# „ביינאכט אויפ׳ן אלטען מארק״.

צום אויפטריט פון ה׳ שמעון באקמאן אין דער אויפפיהרונג פון קריינ׳ס מוזיקאלישע קאמפאזיציע „ביינאכט אויפ׳ן אלטען מארק״.

אין שייכות מיט׳ן דאנק פון ראדאמער הילפ׳ס-קאמיטעט פאר די געליטענע אין א״י, וואס ווערט אויסגעדרוקט דעם יונגען קינסטלער שמעון באקמאן, מוזען מיר ביי דער געלעגענהייט אונטערשטרייכען די עלית נשמה, וועלכע דער יונגער ווירטואז האט פערשאפט דעם פובליקום. די שטימונג צוליב די געשעהענישען אין ארץ-ישראל איז געווען א קאנצענטרירטע און א ערנסטע, איז פשוט ווי קאנדענסירט געווארען און האט זיך אונטער׳ן קלאנג פון די צארטע, כשוף׳דיגע טענער פונ׳ם יונגען קינסטלער פערוואנדעלט אין א אינערליכען עקסטאז און קאנטעמפלאציע.

כמעט ווי עלעקטריזירט איז געבליבען דאס פובליקום, ווען ה׳ באקמאן האט גענומען אויספיהרען די פרעכטיגע שאפונג פון בעוויסטען פאלקסטימליכען קאמפאזיטאר קריין „ביינאכט אויפ׳ן אלטען מארק״. יעדער טאהן, יעדער קלאנג און יעדען ניואנס, וואס איז דורכגעדרונגען מיט מיסטעריעזען צויבער און פאלקסטימליכען לירישען עפאס, האט ה׳ באקמאן ארויסגעגעבען מיט קינסטלערישע אינטואיציע און מיט זעלבסט-פערגעסענע דביקות. די שאפונג פון קריין „ביינאכט אויפ׳ן אלטען מארק״, וועלכע איז צונויפגעמישט מיט זיסע נשמה-בענקשאפט און אונענדליכע טראגיק האט דורך די פינגער פון ה׳ באקמאן ארויסגערופען אזא השתפכות הנפש און אזא הארמאניע פון טרויער מיט רוהיגקייט, רעזיגנאציע מיט האפנונג, קאנצענטרירונג מיט אונרוהיגקייט, אז דער עולם האט זיך פשוט געפיהלט, ווי א צויבער וואלט איהם אריבערגעטראגען אין די העכערע ספערען פון די עולמות העליונות.

ווען ה׳ באקמאן האט פערענדיגט די באמת ווערטפולע שאפונג פון קריין, איז דאס פובליקום געבליבען זיצען ווי פערגל ווערט, גלייך ווי ס׳וואלט זיך נישט געוואלט אפרייסען פון דער אונענדליכקייט. און וועלכער דער יונגער קינסטלער האט איהם אריינגעפיהרט. און ווען דער עולם האט נאך א פאר היבשע מינוטען ערוואכט ווי פון לעטארג האט א דונער פון אונאויפהערליכע אפלאדיסמענטען אויסגעהיילט איבער׳ן גאנצען זאהל. וואס איז געווען א הכשר׳ע און פערדינטע אנערקענונג דעם יונגען ווירטואז פאר זיין אונגעוועהנליכע לייסטונג.

מ. ר.

## פון הילפ׳ס-קאמיטעט פאר א״י אין ראדאם.

נאכ׳ן איבערגעבען דעם בעריכט אין דער פרעסע זענען נאך איינגעפלאסען פאלגענדע שפענדונגען און געמאכט געווארען די א. ד. אויסגאבען:

### לעצטע הכנסות.

| | |
|---|---|
| סאלדא . . . | 31 43 |
| „השומר הצעיר״ . . | 10.00 |
| אנאנים . . . | 20 |
| הר׳ י. קעסטענבערג (געדעקט די נדבה מיט אויסגאבען) . | 25 00 |
| צוריקבעקומען פון צ. ק. 1 וועקסעל | 100 — |
| 1 אקציע פון באנק הפועלים | 41 — |
| בס״ה | 210 63 |

### לעצטע אויסגאבען

| | |
|---|---|
| פערשידענע . . . | 152 40 |
| סאלדא . . . | 58.23 |

* * *

חוץ דעם זענען נאך געבליבען פאלגענדע דעקלארירטע סומען, וואס זענען נישט איינגעצאהלט געווארען:

| | |
|---|---|
| יונה זילבערבערג לוב. 30 דעקלארירט דעם ה פרענקעל | 40 — |
| שמריהו קארמאן רווינסקע דעקלארירט דעם ה׳ פרענקעל | 150 — |
| דאס מנין פון די קירזשנער פאר׳ן דאווענען אין די ימים נוראים דורך י. צווייגענבערג | 50 — |
| | 240 — |

Kino „ODEON" w Radomiu.
Od dnia 18—24 Listopada 1929 roku
Wielki przebój sezonu!
EROTICON
PRAWO SERCA
Rewelacyjny film sezonu. Fenomenalne zdjęcia
Świetna reżyserja EICHBERGA I MACHATY.
Zwracamy uwagę na akt drugi i trzeci.
Film uznany przez Min. Spraw Wewn. za artystyczny.
Gra artystów na najwyższym poziomie.
W ROLACH GŁÓWNYCH:
2 sławy, 2 gwiazdy, 2 świetne talenty
urocza Irena Rich i doskonały Olaf Fjord
To film rozrywany przez wszystkie kinoteatry Europy.
DRUGI PROGRAM RÓWNORZĘDNY.
CICHY BOHATER
Świetny film psychiczny — Wspaniała oprawa.
Nadzwyczajna, pełna umiaru gra artystów
Doskonałe zdjęcia z bitwy pod Verdun
Film słynnej wytwórni BIP. ■ Reżyserja EICHBERGA.
W rolach głównych znana z „Jadu Pokusy miłosnej"
EWA GRAY
oraz doskonały z „Białego Szeika"
JAMESON THOMAS.
Świetna orkiestra pod dyrekcją J. SZYMKIEWICZA.

# קעלצער אבטיילונג.

## פייערליכקייטן לכבוד דעם 11 יאהר-טאג פון פוילען'ס בעפרייאונג.

היינטיגען מאנטאג, איז אין קיעלץ, ווי אין אלע אנדערע שטעדט פון דער פוילישער רעפובליק — פארגעקומען פערשידענע פייערליכקייטען לכבוד דעם 11 יאהר-טאג פון פוילען'ס בעפרייאונג.

צווישען אנדערע איז מאנטאג 10 אזייגער כריה פארגעקומען אין דער שטאדטישער-שוהל א פייערליכער גאטעס-דיענסט. צום גאטעס-דינסט אין שוהל זענען געקומען פארשטעהער פון דער ארטיגער אדמיניסטראטיווע און קאמונאלער מאכט.

נאך דעם ווי חזן ווינער מיט'ן כאר האט אבגעריכט די געהעריגע תפלות, האט הרב ראפאפארט געהאלטען א רעדע מענינא דיומא. מיט'ן זינגען דעם פוילישען און אידישע הימן, איז די גאטעס-דינסט פערענדיגט געווארען.

די געזאמעלטע געלדער וועט אין די נאנסטע טעג פערעפענטליכט ווערען און וועלכער ס'וועט זיך צווישען אנדערע אויך געפונען די נעמען פון די געבער און זאמלער.

## אויך די שטאדטישע שוהל זאל איבערגעהן אין דער קהלה.

דאס איבערנעמען דורך דער קהלה דאס בית-עולם און מקוה, האט ביי דער אידישער געזעלשאפט ארויסגערופען גרויס צופרידענהייט, ווייל ענדליך וועט די קהלה זיי אוועקשטעלען אין דער געהעריגער ארדנונג.

ווי מען שמועסט, זאל אויך די שטאדטישע שוהל איבערגעהן אין דער קהלה.

## פון וועמען בעשטייט די בית-החיים-קאמיסיע פון דער אידישער קהלה?

די בית-החיים-קאמיסיע פון דער אידישער קהלה, וועלכע איז אויסגעוועהלט געווארען נאך דעם ווי די קהלה האט איבערגענומען דאס בית-עולם — בעשטייט פון 5 פערזאהן די ה"ה: וו. קלוסקא, ש. לייכטער, י. קאהן, מאיר אייזענבערג און ה. גאלדבערג. די ערשטע 3 פערזאהן זענען פערוואלטונג'ס-מיטגלידער פון דער אידישער קהלה און די לעצטע 2 — פון דער געז. „אחי-עזר" (דאבראטשיננאשטש) און חברה קדישה.

## פאר וואס האט ד"ר פעלץ רעזיגנירט פון זיין אמט אין „לינת - הצדק".

ווי ס'איז שוין געווען געמאלדען אין אונזער צייטונג, האט ד"ר פעלץ דעמיסיאנירט פון זיין אמט אלס פארזיצער פון היגען „לינת-הצדק".

וועגען אט דער דימיסיע פון ד"ר פעלץ, קורסירען אין שטאדט פערשידענע קלאנגען. מען שמועסט אויך ד"ר פעלצ'ענס רעזיגנאציע זאל האבען א שייכות מיט דעם ענשטאנענעם שלום צווישען די אידישע דאקטוירים, וועלכע זאלען עפעס האבען טענות צו דער לינת הצדק-פערוואלטונג, און מיט וועלכע (מיט די דאקטוירים) ד"ר פעלץ מוז זיך לשם סאלידאריטעט—פעראייניגען. ס'געהען ארום נאך פערשידענע קלאנגען, וועלכע מיר האלטען פארלויפיג אב צו פערעפענטליכען ביז מיר וועלען וועגען דעם בעקומען א קלארע ערקלערונג פון די פעראינטערעסירטע צדדים.

## ליקווידירט דעם הילפס-קאמיטעט פאר די ארץ-ישראל-געליטענע.

### דער קאמיטעט געזאמעלט 8.000 זלאטעס.

היינטיגע וואך איז ליקווידירט געווארען דער הילפס-קאמיטעט פאר די ארץ-ישראל-געליטענע. צוזאמען איז במשך פון דער גאנצער צייט געזאמעלט געווארען דורך די קאמיטעט-מיטגלידער און אנדערע א סומע פון קרוב 8000 זלאטעס. ? עם געגויען דין וחשבון פון

## מאסקען-בעלער.

דער סעזאן פון די מאסקען בעלער הויבט זיך שוין אן. דעם ערשטען מאסקען-באל ארדענט איין דער קיעלצער „מכבי" דעם 16 ה. מ. און דעם 2-טען רעפרעזענטאציע - באל — דער „בית-יתומים", דעם 30 ה. ח.

## אינטערעסאנטער בריעף פון ה' ב. פיעקארסקי וועגען די געשעהענישן אין ארץ ישראל.

בכדי צו האבען נאך א קלארערען בעגריף וועגען דער אויסערגעוועגליכער, ממש איבערמענשליכער מסירת-הנפש פון אונזערע חלוצים ביים פערטיידיגען דעם אידישען כבוד בעת די טרויריגע געשעהענישען אין א"י און וועגען דער אונגעהוירער ליעבשאפט און צוגעבונדענקייט פון יעדען דארטיגען אידען צום אידישען ישוב— איז כדאי איבערצוגעבען אן'אויסצוג פון דעם העכסט אינטערעסאנטען העברעאישען בריעף פון ה' ב. פיעקארסקי. געוועזענער קעלצער איינוואוינער און איצטיגער מרחביה'ער קאלאניסט, וואס ער האט מיט 2 וואכען צוריק צוגעשיקט צו זיין שוואגער, ה' מ. עלענצווייג פון קיעלץ.

„פון די געשעהענישען אין א"י שרייבט ה' פיעקארסקי—האבען מיר גאר נישט געליטען, מיר זענען ארויס בשלום. אין עמק, ווי אייך איז שוין אודאי בעקאנט פון די צייטונגען, האט כמעט קיינער נישט געליטען. אלע אראבישע אנפאלען זענען דורך אונזערע חלוצים אבגעשטויסען געווארען. נאר צום בעדויערען, איז אבער דער מצב געווען א גאנץ אנדערער. אין די ערטער פון אלטען ישוב, ווי אין חברון, צפת און אין אנדערע ערטער. דארט זענען די אידישע פערלוסטען, ווי יעדען איז שוין בעקאנט, געווען זעהר גרויסע. און איצט קלאפען מיר זיך טאקע „על-חטא", פאר וואס מ'האט די חברונ'ער און צפת'ער אידען נישט געלערנט, ווי אזוי מ'דארפט בעשיצען די תורה, ווי מיר האבען בעשיצט דעם ישוב"...

צוזעהענדיג די פשוט אונבעגרייפליכע גבורה פון אונזערע חלוצים, ווי אזוי זיי זענען אהן שום פחד אריינגעשפרונגען אין פייער אריין, מיט וואס פאר א העלדישקייט זיי האבען פערטיידיגט זייער כבוד און דעם כבוד פון אונזער פאלק. זעהענדיג אט דאס אלעס, זענען מיר אלע איבערצייגט, אז דאס אידישע בלוט, וואס איז אין משך פון דעם 2-טויזענד יעהריגען גלות! פערגאסען געווארען — איז געווען וואסער און דאס בלוט אין א"י — לויטערער בוימאייל. מיר האבען געקעמפט און האבען געוואוסט, פאר וואס מיר קעמפען. מיר האבען געקעמפט מאר'ן כבוד פון פאלק ישראל און זיין הייליג לאנד. מיר זענען אויך גרייט געווען צו קעמפען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט. אזא בלוט וועט נישט געהן לאיבוד, פערקעהרט, דאס בלוט וועט אונז פערזיכערען די ערד פון אונטער אונזערע פוס. זיי וועלען אונז נישט אבשרעקען! קיין שום כח אויף דער וועלט וועט אונז נישט קענען בייקומען און וועט אונזער לאנד אונז נישט אוועקנעמען.

אויך איצט נאך די געשעהענישען איז די ארבייט אין ערגיץ נישט איבערגעריסען געווארען. פערקעהרט, די ארבייטס-בעוועגונג האט אימעטים פערגרעסערט און ס'פעהלט אונז אויס נייע ארבייטס-הענד".

„און אט בלויז דערפאר אליין — שרייבט ווייטער ה' פיעקארסקי — איז אונז שווער צו ערפילען אייער בקשה אהיימצוקומען צוריק אין גלות אריין. מיר מארען איצט די א"י-פאזיציעס נישט פערלאזען. זארגט אייך נישט, זייט נישט פערצווייפעלט, שרעקט אייך

# צום קריזיס אין דער „גמילות חסד" קאסע אין קעלץ.

מיט 2 יאהר צוריק—אויף א יעהרליכע אל:עמיינע פערזאמלונג פון דער דערמאנטער קאסע, בין איך ארויסגעטרעטען, און אויפגעוויזען ווי שעדליך ס׳איז זיך צו האלטען אין דעם כאראקטעריסטישען סטאטוט, אז איינשרייבען זיך אלס מיטגליד דארף צו קאסטען 15 זלאטעס, און די וואהלען פון פערוואלטונג און ראט — קומען פאר יעדע 3 יאהר.

מיט דעם ערשטען איז מען א פנים אויסען געוועזען צו שאפען א שוץ-וואנד פאר די נישט פערמעגליכע קלאסען, און ספעציעל געגען די האנדווערקער, וועלכע האלטען געקענט אמאל פערכאפען דעם אויבען-אן... מיט דעם צווייטען (מיט די 3-יעהריגע קארענץ) האט מען זיך ווידער געוואלט פערזארגען מיט די בענקלעך אויף א לענגערע צייט. און וואס קען שוין זיין וועהניגער ווי אויף 3 יאהר. ליידער איז מיין פארשלאג דאמאלס, צו ענדערן די דערמאנטע פונקטען פון סטאטוט—אבגעווארפען געווארען, און וואס איז געווען דער רעזולטאט? אויסער די ערשטע 52 מיטגלידער צו 15 זל. צווישען וועלכע ס׳געפינען זיך אגב 2 האנדווערקער—איז ביז׳ן היינטיגען טאג קיין איינער נישט צוגעקומען. פון דער דאזיגער צאהל האט מען געקליבען א ראט און א פערוואלטונג פון עטליכע דרייסיג מאן, וועלכע זענען זיך צוליב מאנגעל אין א קווארום זעלטען צוזאמענגעקומען. אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג האבען זיך בעוויזען סך הכל 17 מאן. ד. ה. א העלפט פון דעם ראט און פערוואלטונג, — א צאהל, וועלכע קלעקט אפילו נישט זיך אליין אויסצוקליבען, און פון דעם בעריכט האבען מיר זיך דערוויסט, אז די קאסע האט שוין באלד פערצעהרט איהר אייגענעם קאפיטאל, און דער „דושוינט" ציהט אויך ביסלעכווייז צוריק די סובסידירטע קאפיטאלען, אלס רעזולטאט פון אונצוטרוי צו דער דערמאנטער אינסטיטוציע.

און יעצט ווילט זיך פרעגען די יעניגע העררן, וועלכע האבען אזוי שטארק געזארגט, אז די פלאצאווקע זאל זיין האנדווערקער-ריין, וואס האט איהר אויפגעטוהען? צו וואס האט איהר דאס אלעס צוגעפיהרט? אמת מיר האבען געהאט פיל מיטלען צו רעאגירען אויף אזא מין טאקטיק אין בעצוג צו אונז, אבער מיר האבען בעסער רעזיגנירט, כדי נישט צו געבען אייך קיין אטוט אין האנד אריין — אז מיר וועגען אויסען צו שטערען, ווייל די קאסע איז דאך אונז סוף כל-סוף נישט וועהניגער טייער פון אייך, כאטש מיר האבען פון איהר קיין גרויסע נוצען נישט געהאט.

אבער נישט דאס בין איך אויסען, איך מיין ס׳איז נאך נישט צו שפעט — די דערמאנטע אינסטיטוציע, וועלכע האט באמת א סך נפשות אבגעראטעוועט פון הונגער און נויט צו דערהאלטען.

ביי א געהעריגע אקציע פון די צייטווייליגע פערוואלטונג. וועט זיך דאס יודישע קיעלץ ווידער ווארים אברופען, ווייל די קאסע טאר נישט אין די יעצטיגע צייט אינטערגעהן, דאס גאנצע אומגליק איז, וואס די אונטערנעהמונג איז וועהניג פאפולער געוועזען אין שטאדט, און נישט וועהניג אויך האבען מיטגעווירקט ווי תמיד [illegible] אמביציעס.

און פאר די האנדווערקער מיין איך - דארף מען זיך אויך נישט שרעקען. נישט געפעהרליך, מען האט אונז שוין גרעסערע קאפיטאלען אנפערטרויט, און מיר האבען זיי נישט פערטוהען. אמת, מיר קענען אפשר נישט פערהעלטניסמעסיג פיל געבען אין מאטעריעלען זינען, פאר דאס גיבען מיר אריין אין דעם געשאפענעם א נשמה מיט לעבען, א זאך, מיט וועלכען דער ביז יעצטיגער ראט און פערוואלטונג קען ליידער נישט שטאלצירען.

יוסף ג—ר.

גאר נישט, די צוקונפט דא איז א געזיכערטע. קומט איהר אהער צו אונז און העלפט מיט בויען די אידישע היים. דא איז דאס לעבען זיס און אינטערעסאנט. א קלייגעם ביישפיעל: דער זוהן פון הרב גאלד אין אמעריקא, א געוועזענער חברון׳ער ישיבה-בחור, וועלכער איז ווי דורך א נס ניצול געווארדען און האט אויף דער טעלעגראפישער אויפפאדערונג פון זיין פאטער געמוזט פערלאזען ארץ-ישראל, שרייבט אונז פון אמעריקא, אז טראץ די שטערונגען פון זיינע עלטערן, וועט ער צוריקקומען קיין א״י. ווייל אויף דער גאנצער וועלט — שרייבט דער יונגער גאלד — איז נישטא אזא תורה ווי אין ארץ-ישראל און אין ערגיץ איז דאס לעבען נישט אזוי אנגענעהם ווי אין ארץ-ישראל.

„יא, יא — ענדיגט ה׳ פיעקארסקי זיין בריף — דאס לעבען אין א״י איז באמת זיס און אינטערעסאנט. ס׳איז דא צו וואס צו לעבען. דאס לעבען איז פול מיט א אינהאלט און ס׳איז אויך כדאי דא צו שטארבען. בעסער צו שטארבען אין א״י, איידער צו לעבען אין א רייכען לוקסוס אין גלות". כמעט דעם זעלבען אינהאלט שרייבען אויך זיינע 2 יונגע קינדער. זיי אלע זענען פול מיט גלויבען אין א גליקליכער צוקונפט פאר׳ן געפלאגטען און איבעראל גע׳דודפטען אידישען פאלק.

דער דאזיגער בריעף איז דעם היינטיגען יום טוב געלעזען געווארען אין ציוניסטישען בית המדרש „שערי ציון" אין קעלץ, בעת דער הזכרה נאך די געפאלענע קדושים אין א״י. דער בריף האט ביי יעדען איינעם ארויסגערופען גרויסע בעגייסטערונג און די מתפללים האבען בעשלאסען צו פערשרייבען דעם ה׳ פיעקארסקי מיט זיין פאמיליע אין ספר-הזהב.

אט דאס זענען די ווערטער פון א א 65-יעהריגען מרחביה׳ער קאלאניסט. און ס׳איז טאקי כדאי, אז מיר אלע זאלען זיך ארויסנעמען א ביישפיעל פון דעם אלטען ציוניסטישען זקן ווי אזוי ליעב צו האבען ארץ-ישראל.

א קילצער.

# ראדאמער נייעס.

## וואו קען מען זיך אויסלערנען טאנצען?

חיראווע טענץ, מאזור, אויך די לעצטע נייהייטען פון סעזאהן, אין קאמפלעטען און בעזונדער, לערענט אויס אפילו די אמווייניגסטע פעהיגע שילער — די שולע פון י. ר ו ש נ י א ק אין טעאטער ראזמאיטאשטשי מיט׳ן אנטייל פון ה׳ ר א מ א ן ק א ו א צ ק י רוטינירטער טאנץ-לעהרער פון א ווארשאווער שולע.

פאר פריילינס א הנחה.

איינשרייבונגען נעמט אן טעגליך די קאנצעלאריע פון טעאטער פון 12 ביז 2 אזייגער נ. מ. און פון 6 ביז 8 אוועגד.

12801.

## פון טעאטער „ראזמאיטאשטשי"

פרייטאג דעם 15-טען ה. ח. קומט פאר א רעוויע פון טענץ, הומאר און לירלעך אויסגעפיהרט פון די ליבלינגען פון די הויפט-שטאדט, אין דער שפיץ די רייצענדע ארטיסטקע פון די פאריזער און ווארשאווער טעאטערן יאדוויגא כריניעוויצקא, באלעסלאוו מיעזשעיעווסקי, העלד פון די פוילישע סצענע און עקראן. באלציא קאמינסקא, קעניג פון פוילישען הומאר און ליבלינג פון פובליקום. יוסטינא ציארטאזשיחקא, יוזעף חיניאשקעוויטש. טאדעאוש סיגעטינסקי א. אנד.

ס׳וועט אויפגעפיהרט ווערען די הערליכע רעוויע „זאבאווקי ז׳ווארשאווקי".

בילעטען פריהער צו בעקומען אין טיטין-געשעפט פון ה׳ טאמאנעק לובלינער 40.

* * *

די צווייטע וואך קומט קיין ראדאם דאס ווילנער רוסישע טעאטער, וואו עס וועט אויפגעפיהרט ווערען דאס טעאטער-שטיק „טארו" מיט׳ן אנטייל פון א רייהע פוילישע און אייסלענדישע ארטיסטען.

* * *

קירצליך קומט קיין ראדאם אויף לענגערע גאסטראלען א בעוויסטע יידישע אפערעטען-טרופע פון

## קינסטלערישע פאָרשטעלונג אין טעאַטער ראָזמאַיטאָשטשי.

זונטאָג דעם 17-ען ה. ח. קומט פאָר אין טעאטער ראָזמאיטאָשטשי א הערליכע פאָרשטעלונג פון קינסטלערישען טעאָטער „רעדוטא”. עס וועט אויסגעפיהרט ווערען די קאָמעדיע „פ ז ש י א ט ש ע ל ע” (פריינד), פון פרעדרא מיט'ן אנטהייל פון בעריהמטען פוילישען ארטיסט אָסטערווא. אייגענע דעקאָראציעס. ס'איז מעהר ווי זיכער, אַז די פאָרשטעלונג וועט דורכ'ן בנייטען טעאָטער עולם אויפגענומען ווערען מיט צופרידענהייט.

בילעטען פריהער צו בעקומען אין טיטין-סקלאַד אָטאָמאַנעק לובלינער 40. 1108—03.

## מיכאלעוויטש - אַקאַדעמיע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערשטער יאָהר-צייט נאָכ'ן פערשטאָרבענעם בונדישען פיהרער ב. מיכאַלעוויטש, אַרדענט איין דער היגער ארבייטער-ווינקעל היינטיגען שבת א טרויער-אַקאדעמיע אין טעאָטער „ראָזמאיטאָשטשי”.

אין דער אַקאַדעמיע וועט זיך בעטייליגען דער בעקאַנטער בונדישער טהוער י. כמורנער פון וואַרשאַ.

אויף דער אַקאַדעמיע וועט דער דראַמאַטישער קרייז ביים אַרבייטער-ווינקעל אויספיהרען אויף דער סצענע איינינע טעאַטער-זאַכען.

די אַקאַדעמיע קומט פאָר 1 נ. מ.

## ס פ אָ ר ט.

### מכבי—ראַדאָמיאַנקאַ 2:2 (2:2)

פערגאַנגענעם שבת איז צווישען די אויבענדערמאָנטע ספאָרט-קלובען פאָרגעקומען א מייסטער-מעטש וועגען קל. „בע” און האָט זיך נאָך א לעבהאַפטען קאַמף פערענדיגט רעמי (2:2).

מיט דאָזיגען רעמי-רעזולטאַט האָט זיך מכבי ארויפבעקומען אויפ'ן צווייטען אָרט פון קל. „בע” און, ווי מען הערט, האָט מכבי שאַנסען אריינצוגעהן אין קל. „א”.

שיעד'ס-ריכטער ה' בייטלער.


## דאָקטוירים בעשטעטיגען

אַז אַרטרעטיזם, רעמאַטיזם און עהנליכע קראַנקהייטען ווערט מען גרינדליך אויסגעהיילט בענוצענדיג פאָראָווע בעדער, אין גענצליך בענייטען באָד-זאַקלאַד ביים האָטעל איירָאָפעיסקי אין ראַדאָם

אָ פאראָווע לאזשניע I קל. — 1.60 זל.

טעטיג פרייטאָג און שבת

II קל. — 1.20 „

קינדער — 0.50 „

וואַנעס (יעדען טאָג) — 1.30 „

בעאַמטע און פאַמיליע ירופעס בעקומען הנחות.





### צו אונזערע ג. אַבאָנענטען און אַנאָנסען-געבער אין ראַדאָם.

דערמיט ווענדען מיר זיך מיט אַן אַפעל צו אונזערע ג. אַבאָנענטען און אַנאָנסען-געבער צו רעגולירען דעם חודש-בעטרעף פאר דער צייטונג. ווי אויך פאר די אַנאָנסען און נישט מאכן קיין שוועריגקייטען אונזער אינקאַסענט.

ס'איז נישט מעהר ווי איין זאַך א מאָנאַט, אָבער פון די איינצעלנע זלאָטעס זאמלען זיך אָב גרעסערע חשבונות און דאָס ווירקט פאטאַל אויף דער ערשיינונג פון דער צייטונג, וואָס איז פערבונדען מיט קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע אויסגאַבען, א חוץ אומגעהויערע טעכנישע אנשטרענגונגען.

מיט דעם זעלבען ווענדען מיר זיך צו אונזערע אַנאָנסען-געבער, וואָס האַלטען אונז אויף מיט'ן בעצאָהלען פאר די אַנאָנסען.

בכלל אַפעלירען מיר סיי צו די אַבאָנענטען און אַזוי צו די אַנאָנסען-געבער נישט אויפצוהאַלטען אונז, נאָר תיכף רעגולירען די חשבונות פערלאַנגענדיג פון אינקאַסענט צו טען א צעטעל, און א דריט מאָהל.

אדמיניסטראַציע פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען” — אין ראַדאָם. —

## פון האַנדוועטקער-קלוב.

דינסטאָג דעם 5 ד. ח. איז אין האַנדווערקער-קלוב פאָרגעקומען א געמיינזאַמע קאָנפערענץ פון די פערוואַלטונג פון האַנדוו. קלוב מיט די פאָהרשטעהער פון אַלע סעקציעס, אויף וועלכע דער געוועהלטער דעלעגאַט צו די קיעלצער האַנדווערק.-קאַמער ה' ב ר ו ך נ י י מ א ן האָט אָנגעגעבען א גענויען בעריכט פון דער לעצטער קאָנפערענץ פון די האַנדוו.-קאַמער. צווישען אַנדערעס האָט ער אויפמערקזאַם געמאַכט די פאָרשטעהער פון די פעראיינען דאָס זיי זאָלען צואיילען דאָס אדורכפיהרען די צעכען און אָנהויבען פון א נאָרמאלע טעטיגקייט, און ווי געהעריג אָרגאַניזירען די מיטגלידער, כדי ווי מעגליך צו שיצען די אינטערעסען פון די האַנדווערקער. ער גיט צו, אַז עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען דאָס קאָנטראָלירען די וואַרשטאַטען דורך פּאָליציי און פיעל האַנדווערקער בעקומען שטראָפען. עס איז צום סוף בעשלאָסען געוואָרען צו רופען אין די נאָהנטסטע צייט א אויסערגעוועהנליך אַלגעמיין פערזאמלונג פון האַנדוו. געווידמעט ספעציעל די פראַגע.


*Od wielu lat już istniejące*

**Biuro Próśb** TŁOMACZEŃ — i — PRZEPISYWAŃ

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.

USKUTECZNIA

Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych, wojskowych i paszportowych oraz rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych

KORESPONDENCJA HANDLOWA

umowy i punkt. przedrejentalne


## ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביים ה' וועלוויל פרידמאַן שפּאַציר-גאַס 8 פאַר מיין נישט טאַקטישע האַנדלונג.

יאַנקעל גראַמב.





# נויטיג
## א פעהיג יונגעל
— ביים —
# פריזירער
גרינשטיין, רווינסקא 13.

# ס'איז נויטיג
## א פעהיג לערן-מיידעל
צו נייען קאָלדרעס
ביי ב. טאַנדעטניק
וואָהל 17, אָדער פאָדוואַלני 3.
ערקינדיגן זיך אין די שעה'ען פון 2 ביז 4.

**Kino NOWE CZARY Teatr**

Od poniedziałku 11 listopada b. r.

John GILBERT i Johan GRAWFORT

w pięknym paradzie zmysłów p. t.

TARGOWISKO ZMYSŁÓW

2. MARY PIKFORD

w najnowszym filmie. p. t.

Moja Najukochańsza

**Kino „CORSO" Teatr**

Od poniedziałku dn. 11 listopada 1929 r.

W Nocnym Lokalu...

w roli głównej EWELINA HOLT

Jako drugi Przepiękny film

BŁĘKITNY WALC

w rolach głównych:

urocza Vera Veronina,

zalotna Carla Bartheel

**Kino ODEON Teatr**

Od poniedziałku 11 listopada 1929 r.

WIELKI ARCYFILM p. t.

SZATAN w JEDWABIACH

na tle słynnej powieści Bataillea p. t.

„NAGA KOBIETA"

w roli głównej:

IWAN PETROWICZ.


Redaktor CH. M. HERC

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben". Radom, Szwarlikowska 20.